# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע


**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות.................4:10
מוצאי שב"ק.................5:41

**שיעורים כסדרן**
נ"ך.................ירמיה כ'-כ"א
בבלי.......................נדרים ל"ט
ירושלמי.................ברכות כ'
תוספתא.................יבמות א'
רמב"ם...........שאלה ופקדון ג'


פרשת ויצא, ט' כסליו, שנת תשפ"ג לפ"ק — שנה 12, גליון 10 (580)


## אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

וְעֵינֵי לֵאָה רַכּוֹת וְרָחֵל הָיְתָה יְפַת תֹּאַר וִיפַת מַרְאֶה, דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה דֶערְצֵיילְט אוּנְז אַז דִי אוֹיגְן פוּן לֵאָה זֶענֶען גֶעוֶוען פַארְוֵויינְט אוּן רָחֵל הָאט גֶעהַאט אַ שֵׁיינֶע גֶעשְׁטַאלְט אוּן אַ שֵׁיינֶע אוֹיסְזֶען. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט אוֹיף דֶעם פָּסוּק (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן יב; עַיֵּין לִיקּוּטֵי הֲלָכוֹת, אוֹרַח חַיִּים, רֹאשׁ חוֹדֶשׁ, הֲלָכָה ה, אוֹת כט) אַז 'רָחֵל' וַוייזְט אוֹיף 'תּוֹרָה', דִי בְּחִינָה פוּן 'עָלְמָא דְאִתְגַּלְיָא' (עַיֵּין זֹהַר חֵלֶק א', דַף קנח), וֶוען אַ מֶענְטְשׁ לֶערְנְט תּוֹרָה, וֶוען מֶען לֶערְנְט אַ פֶּרֶק מִשְׁנָיוֹת, וֶוען מֶען לֶערְנְט אַ בְּלַאט גְּמָרָא, אִיז דָאס 'יְפַת תֹּאַר וִיפַת מַרְאֶה', אַלֶע זֶעעֶן דָאס שֵׁיינְקֵייט פוּן לֶערְנֶען תּוֹרָה אוּן מֶען הָאט הֲנָאָה פוּנֶעם לֶערְנֶען, מֶען פְרֵיידְט זִיךְ, "בָּרוּךְ הַשֵּׁם אִיךְ הָאבּ גֶעלֶערְנְט תּוֹרָה", ווִידֶער 'לֵאָה' - וַוייזְט אוֹיף 'תְּפִלָּה', דִי בְּחִינָה פוּן 'עָלְמָא דְאִתְכַּסְיָא', וָואס זִי אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען שֵׁיין אִין מֶענְטְשְׁנְ'ס אוֹיגְן, וַוייל דִי חֲשִׁיבוּת פוּן תְּפִלָּה אִיז פַארְהוֹילְן פוּן אַ מֶענְטְשׁ, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן שְׁפִּירְט עֶר נִישְׁט וִוי עֶר הָאט דָא עֶפֶּעס גֶעטוּן, עֶר שְׁפִּירְט נִישְׁט וִוי דָאס אִיז אַן עֲבוֹדָה פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר טְרַאכְט: "וָואס הָאבּ אִיךְ דֶען גֶעטוּן? אִיךְ הָאבּ נָאר גֶעזָאגְט אַפָּאר וֶוערְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן", דֶער אֱמֶת אִיז אָבֶּער אַז תְּפִלָּה אִיז דִי הֶעכְסְטֶע זַאךְ, דִי פָּשׁוּטֶע פָּאר וֶוערְטֶער וָואס אַ אִיד רֶעדְט אַרוֹיס פוּן זַיין מוֹיל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז דִי גְרֶעסְטֶע אוּן הֶעכְסְטֶע זַאךְ וָואס עֶר קֶען נָאר טוּן, אוּן דָאס וֶועט אִים בְּרֶענְגֶען צוּ אַלֶעס גוּטְס בְּרוּחְנִיּוּת וּבְגַשְׁמִיּוּת, אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

רֶבִּי נָתָן דֶערְצֵיילְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן ס"ח) אַז דֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר אַסַאךְ גֶערֶעדְט פוּן דִי גְרוֹיסְקֵייט אוּן ווִיכְטִיגְקֵייט אַז יֶעדֶער אִיד זָאל שְׁמוּעֶסְן אוּן רֶעדְן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיין אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ, זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס לִיגְט אִים אוֹיפְ'ן הַארְץ, אַלֶעס וָואס בַּאדֶערְט אִים, אַלֶעס וָואס שְׁטֶערְט אִים, וִוי שְׁטַארְק מֶען ווִיל זִיךְ עֶרְלִיךְ אוּן וואוֹיל אוּן נִישְׁט אַלְץ גֵייט עֶס אַזוֹי גְרִינְג, אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַלֶע סָארְט טַעֲנוֹת אוּן בַּקָּשׁוֹת אַז מֶען זָאל שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אוּן מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶעס וָואס מֶען דַארְף. אוּן דֶער רֶבִּי הָאט צוּגֶעזָאגְט אַז וֶוער עֶס וֶועט אַרָאפְּנֶעמֶען יֶעדְן טָאג אַ שְׁטִיק צַייט צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אִידִישׁ, וֶועט זִיכֶער וֶוערְן צוּם סוֹף אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אֲפִילוּ אִין אָנְהוֹיבּ וֶועט זִיךְ אִים דַאכְטְן אַז גָארְנִישְׁט רוּקְט זִיךְ, אַלֶעס בְּלַייבְּט בַּיים אַלְטְן, אוֹיבּ וֶועט מֶען זִיךְ אָבֶּער שְׁטַארְקְן אוּן נִישְׁט קוּקְן אוֹיף דֶעם, נָאר וַוייטֶער רֶעדְן אַסַאךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועט עֶר זִיכֶער צוּם סוֹף גֶעהָאלְפְן וֶוערְן.

אוֹיף דִי שִׂיחָה בַּאשְׁטֵייט דִי גַאנְצֶע בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חֲסִידוּת; דֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר אַסַאךְ גֶערֶעדְט דֶערְפוּן, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט מִיר זָאלְן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען זָאל בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן נִישְׁט אָפְּלָאזְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דִי עֵצָה פוּן רֶבִּיְ'ן אִיז דָאךְ אַזַא גְרִינְגֶע זַאךְ, מֶען דַארְף דָאךְ גָארְנִישְׁט טוּן דֶערְצוּ, וואוּ דוּ בִּיסְט עֶפְן אוֹיף דַיין מוֹיל, רֶעד צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זָאג: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ ווִיל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד", "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ ווִיל דַאוֶוענֶען", "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ ווִיל לֶערְנֶען", "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ ווִיל זַיין פְרֵיילִיךְ", "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ ווִיל זַיין אָפְּגֶעהִיטְן", יֶעדֶער אֵיינֶער בֶּעט זַיינֶע זַאכְן אִין וָואס עֶר דַארְף חִיזּוּק, אִין זַיינֶע זַאכְן וָואס עֶר שְׁפִּירְט וִוי עֶס גֵייט אִים נִישְׁט.

אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאגְט פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֶעלְף מִיךְ, אִיךְ ווִיל זַיין גוּט", וֶועט דָאס אִים אַרוֹיסְשְׁלֶעפְּן פוּן דִי פְּלָאנְטֶער וואוּ עֶר אִיז אַרַיינְגֶעפַאלְן. דֶער יֵצֶר הָרָע בְּרֶענְגְט אָבֶּער אַרַיין בִּלְבּוּלִים אִינֶעם מֶענְטְשׁ עֶר זָאל טְרַאכְטְן, "אִיךְ מֵיין דָאס דָאךְ נִישְׁט אֱמֶת'דִיג, וַוייל אִיךְ זָאג דָאס אִיבֶּער יֶעדְן טָאג אוּן אִיךְ טוּ וַוייטֶער וָואס אִיךְ טוּ", טָאר מֶען זִיךְ נִישְׁט לָאזְן צֶעבְּרֶעכְן פוּן דִי אַלֶע מַחֲשָׁבוֹת, זָאג פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ זָאג טַאקֶע יֶעדְן טָאג אַז אִיךְ ווִיל זַיין גוּט, אָבֶּער אִיךְ ווִיל בֶּאֱמֶת זַיין גוּט, קֵיינֶער גְלֵייבְּט מִיר נִישְׁט אַז אִיךְ ווִיל זַיין גוּט, אוּן אִיךְ אַלֵיינְס גְלֵייבּ שׁוֹין אוֹיךְ נִישְׁט אַז אִיךְ ווִיל זַיין גוּט, אָבֶּער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ ווִיל בֶּאֱמֶת זַיין גוּט, וָואס זָאל אִיךְ טוּן אַז אִיךְ קֶען זִיךְ נִישְׁט קַיין עֵצָה גֶעבְּן מִיט מַיין יֵצֶר הָרָע, אִיךְ הָאבּ נָאר אֵיין עֵצָה, דִי עֵצָה פוּן רֶבִּיְ'ן, רֶעדְן צוּ דִיר אוּן זִיךְ בֶּעטְן בַּיי דִיר אַז דוּ זָאלְסְט מִיר מְקָרֵב זַיין".

לָאמִיר נֶעמֶען אֵיין מִינוּט אִין טָאג צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; נֶעם אַ זֵייגֶער אוּן שְׁטֶעל עֶס אָן אוֹיף זֶעכְצִיג סֶעקוּנְדֶעס, לָאז אָפּ דַיינֶע חֲבֵרִים, לָאז אָפּ דַיין טֶעלֶעפָאן, מֶענְטְשְׁן הָאבְּן נֶעבֶּעךְ נִישְׁט קַיין אֵיין מִינוּט מְנוּחָה, דִי גַאנְצֶע וֶועלְט לִיגְט אִים אִין טַאשׁ, אִין זַיין טֶעלֶעפָאן, יֶעדֶע רֶגַע אִיז עֶר פַארְנוּמֶען מִיט זַיין טֶעלֶעפָאן, עֶר קֶען זִיךְ נִישְׁט מְיַשֵּׁב זַיין. לֵייג אַלֶעס אִין דִי זַייט, לֶעשׁ אוֹיס דַיין טֶעלֶעפָאן פַאר אַפָּאר סֶעקוּנְדֶעס אוּן זָאג: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם וָואס טוּ אִיךְ דָא", "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ ווִיל דַאוֶוענֶען", "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ ווִיל לֶערְנֶען", "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ ווִיל זַיין אָפְּגֶעהִיטְן".

וֶוער עֶס וֶועט טוּן דִי הַנְהָגָה - זָאגְט דֶער רֶבִּי צוּ - אַז עֶר וֶועט אַרוֹיסְגֵיין פוּן אַלֶע זַיינֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען, אוּן עֶר וֶועט מַצְלִיחַ זַיין. (אֲשֶׁר הָיָה אֶל יוֹאֵל, וַיֵּצֵא תשפ"ב)

## מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### טְרֶעפְּל נָאךְ טְרֶעפְּל

יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט דִי כּוֹחוֹת אוּן דִי מֶעגְלִיכְקֵייטְן זֵייעֶר שְׁטַארְק מַצְלִיחַ צוּ זַיין אוֹיף דֶער וֶועלְט. יֶעדֶער אוֹיף זַיין וֶועג קֶען אָנְקוּמֶען צוּ דִי הֶעכְסְטֶע אוּן בֶּעסְטֶע זַאכְן. דִי סִיבָּה פַארְוָואס אַ מֶענְטְשׁ אִיז נִישְׁט מַצְלִיחַ, אִיז נָאר וַוייל עֶר גֶעבְּט אוֹיף וֶוען עֶס גֵייט אוֹיף אִים אַרִיבֶּער שְׁוֶועריִקֵייטְן. וֶוען עֶר שְׁפִּירְט אַז עֶס גֵייט אִים נִישְׁט אַזוֹי וִוי עֶר הָאט גֶעפְּלַאנְט, וֶועט עֶר אִינְגַאנְצְן אוֹיפְגֶעבְּן, אוּן זִיךְ נִישְׁט שְׁטַארְקְן צוּ גֵיין וַוייטֶער. וֶוען מֶען הָאט אָבֶּער דֶעם שֵׂכֶל אוּן מֶען וֵוייסְט אַז דֶער לֶעבְּן גֵייט אֵייבִּיג אַזוֹי, עֶס זֶענֶען שְׁטֶענְדִיג דָא שְׁוֶועריִקֵייטְן אוּן שְׁטְרוֹיכְלוּנְגֶען אוֹיפְ'ן וֶועג, מֶען דַארְף זִיךְ נָאר שְׁטַארְקְן עֶס אִיבֶּערְצוּקוּמֶען, דַאן וָואלְט דֶער מֶענְטְשׁ קֵיינְמָאל נִישְׁט אוֹיפְגֶעגֶעבְּן, אוּן דָאס וָואלְט אִים גֶעבְּרֶענְגְט צוּ דִי גְרֶעסְטֶע הַצְלָחָה.

יַעֲקֹב אָבִינוּ הָאט גֶעזֶען אִין חָלוֹם אַ "סֻלָּם" - אַ לֵייטֶער, וָואס שְׁטֵייט אוֹיף דֶער עֶרְד אוּן גֵייט אַרוֹיף בִּיזְ'ן הִימְל. דָאס אִיז נִישְׁט נָאר גֶעוֶוען דֶער חָלוֹם פוּן יַעֲקֹב, נָאר דָאס אִיז אוֹיךְ אוּנְזֶער וֶועג-וַוייזֶער. אַלֶעס וָואס עֶס הָאט פַּאסִירְט מִיט דִי הֵיילִיגֶע אָבוֹת, אִיז אַ סִימָן פַאר אוּנְז, אוּן לֶערְנְט אוּנְז דֶעם וֶועג וִוי אַזוֹי מִיר זָאלְן אוֹיךְ קֶענֶען מַצְלִיחַ זַיין, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר' אֱלִימֶלֶךְ מִלִיזֶענְסְק זי"ע זָאגְט אִיז זַיין תְּפִלָּה: "וּמִמַּדְרֵגָה לְמַדְרֵגָה תַּעֲלֵנוּ, שֶׁנִּזְכֶּה לָבוֹא לְמַעֲלַת אֲבוֹתֵינוּ הַקְּדוֹשִׁים, אַבְרָהָם יִצְחָק וְיַעֲקֹב" - עֶר בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל גֵיין הֶעכֶער אוּן הֶעכֶער, בִּיזְ'ן זוֹכֶה זַיין צוּ דִי

<<<<<<

## א גוט ווארט

וואוֹיל אִיז אַייךְ אוּן וואוֹיל אִיז אֵייעֶר חֵלֶק אַז אִיר הֶעלְפְט אֵייעֶר מַאמֶע תִּחְיֶ', דָאס אִיז דָאךְ דִי גְרֶעסְטֶע מִצְוָה. דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן אוּנְז (יְרוּשַׁלְמִי פֵּאָה א, א) אַז דִי מִצְוָה פוּן מְכַבֵּד זַיין טַאטֶע מַאמֶע אִיז חֲמוּרוֹת שֶׁבַּחֲמוּרוֹת, עֶס אִיז פוּן דִי הַארְבְּסְטֶע מִצְוֹת, נָאךְ זָאגְן אוּנְז חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (קִידּוּשִׁין ל:): "בִּזְמַן שֶׁאָדָם מְכַבֵּד אֶת אָבִיו וְאֶת אִמּוֹ, אָמַר הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא, מַעֲלֶה אֲנִי עֲלֵיהֶם כְּאִילוּ דַּרְתִּי בֵּינֵיהֶם וְכִבְּדוּנִי", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט, אוֹיבּ זֶענְט אִיר מְכַבֵּד דִי עֶלְטֶערְן - אִיז דָאס אַזוֹי וִוי אִיר זֶענְט מִיךְ מְכַבֵּד.

אוֹי גֶעוַואלְד, ווִיפִיל קִינְדֶער וֵוייסְן נִישְׁט פוּן דִי מִצְוָה פוּן כִּיבּוּד אָב וָאֵם, ווִיפִיל קִינְדֶער זֶענֶען אַזוֹי אַרַיינְגֶעטוּן מִיט פְרֶענְדְס, מֶען לוֹיפְט אַרוֹיס פוּן שְׁטוּבּ מִיט חַבְרְ'טֶעס, מֶען לָאזְט אִיבֶּער דִי מַאמֶע מִיט דִי שְׁטוּבּ אַרְבֶּעט. דִי אוֹיסְגֶעמוּטְשֶׁעטֶע מַאמֶע דַארְף אַלֶעס טוּן פַאר דִי קִינְדֶער אוּן דִי קִינְדֶער זֶענֶען נִישְׁט גֶעלֶערְנְט וָואס אִיז דָאס אַ "מַאמֶע", וָואס אִיז דָאס "לֶעבְּן", מֶען אִיז מְזַלְזֵל אִין דִי מַאמֶע, שְׁפֶּעטֶער וֶוען מֶען וֶוערְט אַלֵיינְס אַ מַאמֶע אוּן מֶען קֶען קוֹים אָטֶעמֶען - דֶעמָאלְט כַאפְּט מֶען זִיךְ, מֶען הָאט חֲרָטָה. וואוֹיל אִיז אַייךְ אַז אִיר הֶעלְפְט אִין שְׁטוּבּ.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה לֵךְ תשפ"ג)

## אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

# לוֹינְט זִיךְ צוּ גֵיין אוֹיף וַואקַאצְיֶע?

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ

יוֹם ד' פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, כ"ב מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

עֶרְשְׁטְנְס ווִיל אִיךְ דִיר בֶּעטְן דוּ זָאלְסְט זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְקְן מִיט דַיין הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט פוּן זַיין אַ מְלַמֵּד פַאר תִּינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן שֶׁלֹּא טָעֲמוּ טַעַם חֵטְא, פַארְגֶעס נִישְׁט אַז דִי וֶועלְט שְׁטֵייט אוֹיף דִיר. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת קיט:): "אֵין הָעוֹלָם מִתְקַיֵּם אֶלָּא בִּשְׁבִיל הֶבֶל תִּינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן", דִי וֶועלְט שְׁטֵייט נָאר אוֹיף דִי תּוֹרָה פוּן קִינְדֶער, "אָמַר לֵיהּ רַב פָּפָּא לְאַבַּיֵי, דִּידִי וְדִידָךְ מַאי", הָאט רַב פָּפָּא גֶעפְרֶעגְט אַבַּיֵי, וָואס אִיז מִיט אוּנְזֶער תּוֹרָה? דִי וֶועלְט שְׁטֵייט דֶען נָאר אוֹיף קִינְדֶער'ס תּוֹרָה? "אָמַר לֵיהּ", זָאגְט אַבַּיֵי: "אֵינוֹ דוֹמֶה הֶבֶל שֶׁיֵּשׁ בּוֹ חֵטְא לְהֶבֶל שֶׁאֵין בּוֹ חֵטְא", עֶס אִיז נִישְׁט קַיין פַארְגְלַייךְ תּוֹרָה פוּן קִינְדֶער וָואס וֵוייסְן נָאכְנִישְׁט פוּן עֲבֵירוֹת, וָואס זֶענֶען נָאךְ זֵייעֶר רֵיין.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, פַארְגֶעס נִישְׁט דִי הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט וָואס דוּ פַארְמָאגְסְט, דוּ בִּיסְט עוֹסֵק אִין דִי הֶעכְסְטֶע זַאךְ אִין דֶער וֶועלְט. גֵיי אִין חֵדֶר מִיט אַ שִׂמְחָה, גֵיי אִין חֵדֶר מִיט אַ טֶענְצְל; טַאנְץ זִיךְ אוּנְטֶער אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע זְכוּת וָואס דוּ הָאסְט.

יֶעצְט בְּנוֹגֵעַ וְכוּ'; עֶס וֶוענְדְט זִיךְ ווִי שְׁטַארְק דַיין וַוייבּ ווִיל עֶס, אוֹיבּ זִי ווִיל זֵייעֶר שְׁטַארְק גֵיין וַואקַאצְיֶע - אִיז כְּדַאי צוּ גֵיין, אוּן גֵיין מֵיינְט מִיט דִי גַאנְצֶע גֶעשְׁמַאק, אָן זָאגְן קַיין אֵיין וָוארְט, אָן קְרֶעכְצְן; וַוייל אַז דוּ וֶועסְט גֵיין מִיט אִיר וַואקַאצְיֶע אוּן אַ גַאנְצְן צַייט וֶועסְטוּ זִינְגֶען דִי נִיגוּן: "וָואס פֶּעלְט עֶס אוֹיס?" - אִיז שׁוֹין עֶנְדֶערְשׁ צוּ בְּלַייבְּן אִין שְׁטוּבּ.

אַ אִיד אִיז גֶעקוּמֶען פְרֶעגְן דֶעם רֶבִּי'ן אוֹיבּ עֶר זָאל פָארְן צוּ עֶפֶּעס אַ פְּלַאץ, הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן פה): "כְּשֶׁרוֹאֶה אָדָם נְסִיעָה לְפָנָיו", וֶוען עֶס מַאכְט זִיךְ אַ נְסִיעָה, "אֵין לוֹ לְהִתְעַקֵּשׁ לִמְנֹעַ מִזֶּה, לֵישֵׁב בְּבֵיתוֹ דַּוְקָא", זָאל מֶען זִיךְ נִישְׁט עַקְשְׁנְ'עֶן צוּ בְּלַייבְּן דַוְוקָא אִין שְׁטוּבּ, "כִּי בְּכָל מָקוֹם שֶׁאָדָם נוֹסֵעַ לְשָׁם הוּא מְתַקֵּן שָׁם אֵיזֶה דָּבָר", וַוייל וואוּ מֶען גֵייט אוּן וואוּ מֶען פָארְט - אִיז דֶער מֶענְטְשׁ מְתַקֵּן גְרוֹיסֶע זַאכְן, "אֲפִלּוּ אִישׁ פָּשׁוּט לְגַמְרֵי", אֲפִילוּ פָּשׁוּטֶ'ע מֶענְטְשְׁן; אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פְלֶעגְן אַלְץ נֶעמֶען דֶעם דִיבּוּר פוּן רֶבִּי'ן. וֶוען זֵיי הָאבְּן גֶעהַאט אַ שְׁאֵלָה, יָא פָארְן אָדֶער נִישְׁט פָארְן - פְלֶעגְט מֶען נֶעמֶען דִי וָוארְט פוּן רֶבִּי'ן: "אַז עֶס מַאכְט זִיךְ אַ נְסִיעָה פָארְט מֶען".

אַ בְּרֶסְלֶבֶ'עֶר חָסִיד, וואוּ דוּ זָאלְסְט אִים לֵייגְן, וואוּ עֶר זָאל נָאר זַיין - אִיז עֶר מְסוּדָּר אוּן הָאט וָואס צוּ טוּן; אִין שְׁטוּבּ, בַּיי וַואקַאצְיֶע, וֶוען מֶען פָארְט צוּ אַ שִׂמְחָה - הָאט עֶר זַיין חוּמָשׁ, זַיין מִשְׁנָיוֹת, זַיין גְּמָרָא אוּן דִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דָארְט וואוּ עֶר אִיז. אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט בַּיי שְׁמוּאֵל הַנָּבִיא (שְׁמוּאֵל א' ז, יז): "כִּי שָׁם בֵּיתוֹ", זָאגְן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים (בְּרָכוֹת י:): "בְּכָל מָקוֹם שֶׁהָלַךְ שָׁם, בֵּיתוֹ עִמּוֹ", וואוּ עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען - הָאט עֶר גֶעהַאט מִיט זִיךְ זַיינֶע שִׁיעוּרִים, זַיין עֲבוֹדוֹת הַשֵּׁם; וַוייל וֶוען מֶען לֶערְנְט אוֹיפְ'ן דֶרֶךְ הַלִּימוּד (כַּמְבֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו) - וואוּ מֶען אִיז - קֶען מֶען לֶערְנֶען, אַנְדֶערְשׁ אִיז וֶוען מֶען הָאט אַ חַבְרוּתָא, מֶען הָאט אַ מִסְגֶּרֶת וְכוּ' אוּן מֶען פָארְט אַוֶועק - אִיז נִישְׁט שָׁם בֵּיתוֹ.

לָאז זִיךְ פִירְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה חַיֵּי שָׂרָה תשפ"ג)

<<<<<< מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

מַדְרֵיגוֹת פוּן דִי הֵיילִיגֶע אָבוֹת, אַבְרָהָם יִצְחָק אוּן יַעֲקֹב.

אֲפִילוּ וֶוען אַ אִיד לִיגְט מַמָּשׁ אִין דֶער עֶרְד, עֶר שְׁפִּירְט אַז עֶר אִיז מַמָּשׁ גָארְנִישְׁט וֶוערְד, עֶר פִילְט אַז עֶר אִיז מַמָּשׁ דֶער נִידֶערִיגְסְטֶער מֶענְטְשׁ אוֹיף דֶער וֶועלְט, דַארְף עֶר אָבֶער ווִיסְן אוּן גֶעדֶענְקְן אַז דָארְט אוֹיף דֶער עֶרְד שְׁטֵייט אַ גְרוֹיסֶער לֵייטֶער בִּיזְ'ן הִימְל, עֶר דַארְף זִיךְ נָאר צוּזַאמְנֶעמֶען אוּן אָנְהוֹיבְּן אַרוֹיפְקְרִיכְן אוֹיפְ'ן לֵייטֶער, אוּן דַאן וֶועט עֶר אָנְקוּמֶען בִּיזְ'ן הִימְל אַרַיין.

ווִי אַזוֹי קְרִיכְט מֶען אַרוֹיף דֶעם לֵייטֶער? שְׁטֵייט אִין זֹהַר הַקָּדוֹשׁ (ח"ג רס"ז ע"א) אַז "סוּלָם" אִיז בְּגִימַטְרִיָּא "קוֹל". דֶער קוֹל פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, דָאס אִיז דֶער לֵייטֶער. בְּלוֹיז מִיטְ'ן קוֹל אַלֵיין, קֶען מֶען אַרוֹיפְקְרִיכְן אוּן אָנְקוּמֶען צוּ דִי הֶעכְסְטֶע אוּן בֶּעסְטֶע שְׁטַאפְּלֶען אִין לֶעבְּן.

### כַאפּ דִיךְ אָן אוּן פַאל נִישְׁט אַרָאפּ

אֵיידֶער רֶבִּי נָתָן אִיז גֶעוָוארְן מְקוֹרָב צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אִיז עֶר גֶעוֶוען בַּיים הֵיילִיגְן קְדוּשַׁת לֵוִי זי"ע. אֵיינְמָאל אִיז עֶר גֶעזִיצְן אִינְאֵיינֶעם מִיט דִי חֲסִידִים בַּיי מְלַוֶּה מַלְכָּה, מֶען הָאט גֶעמַאכְט דָארְט אַ גוֹרָל וֶוער עֶס זָאל גֵיין קוֹיפְן בֵּייגֶעלֶעךְ פַאר דִי סְעוּדָה, אוּן דֶער גוֹרָל אִיז גֶעפַאלְן אוֹיף רֶבִּי נָתָן. רֶבִּי נָתָן אִיז גֶעגַאנְגֶען צוּם בֶּעקֶער, אוֹיפְ'ן וֶועג אִיז עֶר אָבֶער גֶעוָוארְן זֵייעֶר דֶערְבִּיטֶערְט, עֶר הָאט זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעוָואלְט זַיין נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זַיין אַן אֱמֶתֶ'עֶר עֶרְלִיכֶער אִיד, אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן טְרַאכְטְן מִיט בִּיטֶערְנִישׁ: "צוּלִיבּ דֶעם בִּין אִיךְ בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן? צוּ קוֹיפְן בֵּייגֶעלֶעךְ?!" עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט גֵיין וַוייטֶער צוּ קוֹיפְן דִי בֵּייגֶעלֶעךְ. עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען אִין עֶפֶּעס אַ לֵיידִיגְן בֵּית הַמִּדְרָשׁ אִין דִי וַוייבֶּער שׁוּל, עֶר הָאט גֶענוּמֶען אַ תְּהִלִּים אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ זָאגְן אוּן זֵייעֶר וֵויינֶען, עֶר הָאט בֶּאֱמֶת גֶעוָואלְט זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד. עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען בִּיז קַאפִּיטְל נ' מִיט גְרוֹיסֶע בְּכִיּוֹת, פוּן גְרוֹיס אוֹיסְמוּטְשֶׁענִישׁ הָאט עֶר אַיינְגֶעדְרִימְלְט.

עֶר הָאט גֶעחָלוֹמְ'ט ווִי עֶר זֶעט אַ גְרוֹיסֶע לֵייטֶער בִּיזְ'ן הִימְל אוּן עֶר פְּרוּבִּירְט אַרוֹיפְצוּקְרִיכְן אוֹיפְ'ן לֵייטֶער. עֶר אִיז אַרוֹיף עֶטְלִיכֶע טְרֶעפּ, אוּן עֶר אִיז צוּרִיק אַרָאפְּגֶעפַאלְן, עֶר הָאט נָאכְאַמָאל פְּרוּבִּירְט אַרוֹיף צוּ קְרִיכְן, עֶר אִיז אָבֶער אַלְץ צוּרִיק גֶעפַאלְן, עֶר הָאט פְּרוּבִּירְט מִיט שְׁטֶערְקֶערֶע כּוֹחוֹת צוּ קְרִיכְן נָאךְ הֶעכֶער אוֹיפְ'ן לֵייטֶער, עֶר אִיז אָבֶער וַוייטֶער אַרָאפְּגֶעפַאלְן. ווִי הֶעכֶער עֶר אִיז גֶעקְרָאכְן, אַלְץ שְׁטֶערְקֶער אִיז גֶעוֶוען דֶער קְלַאפּ וֶוען עֶר אִיז גֶעפַאלְן. בִּיז עֶר אִיז אַרוֹיפְגֶעקְרָאכְן גָאר הוֹיךְ, אוּן דַאן אִיז עֶר גֶעפַאלְן מִיט אַ שְׁטַארְקֶע קְלַאפּ, אוּן עֶר הָאט אוֹיפְגֶעגֶעבְּן... מֶער קֶען עֶר נִישְׁט.

אוּן דַאן הָאט עֶר גֶעזֶען ווִי אֵיינֶער שְׁטֵייט פוּן אוֹיבְּן אוּן שְׁרֵייט אַרָאפּ צוּ אִים: "דְרַאפֶּע זִיךְ, אוּן הַאלְט זִיךְ!" - קְרִיךְ אוּן הַאלְט זִיךְ שְׁטַארְק אָן!

דָאס אִיז גֶעוֶוען אוּמְגֶעפֶער אַ יָאר אֵיידֶער עֶר אִיז גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן. וֶוען עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן הָאט עֶר דֶערְקֶענְט אַז דֶער רֶבִּי אִיז גֶעוֶוען דֶער וָואס הָאט אִים דַאן מְחַזֵּק גֶעוֶוען אוּן גֶעשְׁטַארְקְט אַז עֶר זָאל נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן קֵיינְמָאל, נָאר קְרִיכְן אוּן זִיךְ דֶערְהַאלְטְן מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת.

דֶערְנָאךְ הָאט אִים דֶער רֶבִּי אַרוֹיסְגֶענוּמֶען אוֹיף אַ שְׁפַּאצִיר, רֶבִּי נָתָן הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶערֶעדְט פַארְ'ן רֶבִּי'ן אַלֶעס וָואס לִיגְט אִים אוֹיפְ'ן הַארְץ, דֶער רֶבִּי הָאט אַרוֹיפְגֶעלֵייגְט דִי הַאנְט אוֹיף זַיין אַקְסְל אוּן אִים גֶעזָאגְט: "נָאךְ דֶעם אַלֶעם אִיז גוּט וֶוען מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי ווִי מֶער רֶעדְט זִיךְ אוֹיס צוּ אַ גוּטֶער פְרַיינְד". דַאן הָאט רֶבִּי נָתָן פַארְשְׁטַאנֶען דֶעם חָלוֹם, וָואס דֶער וֶועג אִיז ווִי אַזוֹי מֶען קֶען זִיךְ דֶערְהַאלְטְן אוּן אַרוֹיפְקְרִיכְן אוֹיף דֶעם שְׁוֶוערְן לֵייטֶער-לֶעבְּן, דוּרְךְ דֶעם וָואס מֶען גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ רֶעדְן שְׁטֶענְדִיג צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ, זִיךְ אוֹיסְצוּרֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס מֶען גֵייט אַרִיבֶּער שְׁוֶועריְקֵייטְן בְּרוּחֲנִיּוּת וּבְגַשְׁמִיּוּת, דָאס גֶעבְּט דִי כֹּחַ אוּן שְׁטַארְקֵייט פַארְ'ן מֶענְטְשׁ אִיבֶּערְצוּקוּמֶען אַלֶע סָארְט שְׁוֶועריְקֵייטְן אוּן אַרוֹיפְקְרִיכְן טְרֶעפְּל נָאךְ טְרֶעפְּל בִּיזְ'ן אָנְקוּמֶען צוּ דִי הֶעכְסְטֶע שְׁטַאפְּל פוּן הַצְלָחָה.

דֶער לֵייטֶער אִיז טַאקֶע זֵייעֶר שְׁוֶוער אוּן הוֹיךְ, מֶען דַארְף אָבֶער נָאר קוּקְן אוֹיף אֵיין טְרֶעפְּל אוֹיפְאַמָאל. אוֹיבּ קוּקְט מֶען גְלַייךְ אַרוֹיף בִּיז אוֹיבְן, קֶען מֶען וֶוען צֶעבְרָאכְן אַז מֶען הָאט נָאךְ אַזוֹי סַאךְ אַרוֹיפְצוּקְרִיכְן, וֶוען מֶען אָבֶער נָאר אוֹיף אֵיין טְרֶעפְּל אוֹיפְאַמָאל אִיז עֶס פִיל גְרִינְגֶער. אוּן וֶוען מֶען הַאלְט זִיךְ אִין אֵיין צוּרִיק אַרָאפְּגְלִיטְשְׁן, דַארְף מֶען זִיךְ אָבֶער שְׁטַארְקְן אוּן אָנְהוֹיבְּן נָאכְאַמָאל צוּ קְרִיכְן. דָאס אִיז דֶער לֶעבְּן פוּן אַ מֶענְטְשׁ. מֶען קֶען נִישְׁט קוּקְן אוֹיף דִי דוּרְכְפֶעלֶער, מֶען דַארְף נָאר פְּרוּבִּירְן נָאכְאַמָאל, אוּן אוֹיבּ וֶועט מֶען נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן, וֶועט מֶען זִיכֶער מַצְלִיחַ זַיין.

דֶער קוֹל אִיז דִי טְרֶעפּ פוּנֶעם לֵייטֶער. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ גֶעוַואלְדִיגֶע מַתָּנָה - דִי מוֹיל. מִיט דֶעם מוֹיל וֶועלְן מִיר אַרוֹיפְקְרִיכְן צוּ דִי הֶעכְסְטֶע שְׁטַאפְּל, מִיטְ'ן מוֹיל וֶועלְן מִיר אַרִיבֶּער קְרִיכְן אַלֶע שְׁוֶועריְקֵייטְן.

צַדִּיקִים זָאגְן (עַיֵּין זֶרַע קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא) אַז דֶער וָוארְט קוֹל אִיז אַזוֹי ווִי אַ לֵייטֶער. עֶס הוֹיבְּט זִיךְ אָן מִיטְ'ן "ק" וָואס זַיין פִיסְל שְׁטֵייט טִיף אוּנְטְן אוֹיף דֶער עֶרְד, אוּן עֶנְדִיגְט זִיךְ מִיטְ'ן "ל" וָואס זַיין טוּרֶעם שְׁטַארְט אַרוֹיס הוֹיךְ אוֹיף אַרוֹיף. דֶער קוֹל פִירְט דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן דִי טִיפְסְטֶע פְלֶעצֶער, בִּיז צוּם הֶעכְסְטְן פְּלַאץ.

דֶער לֵייטֶער אִיז נִישְׁט נָאר דֶער "קוֹל" פוּן תְּפִלָּה, נָאר אוֹיךְ דֶער "קוֹל" פוּן תּוֹרָה. חֲזַ"ל זָאגְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה סה, כ) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית כז, כב) "הַקֹּל קוֹל יַעֲקֹב וְהַיָּדַיִם יְדֵי עֵשָׂו" - ווִי לַאנְג דֶער קוֹל פוּן יַעֲקֹב, דִי אִידְן, וֶוערְט גֶעהֶערְט אִין דִי בָּתֵּי כְּנֵסִיּוֹת אוּן בָּתֵּי מִדְרָשׁוֹת, קֶענֶען דִי הֶענְט פוּן עֵשָׂו זֵיי גָארְנִישְׁט שְׁלֶעכְטְס טוּן. דֶער פָּסוּק זָאגְט "הַקֹּל קוֹל" - עֶס זֶענֶען דָא צְוֵויי סָארְט קוֹלוֹת וָואס הֶעלְפְן דֶעם מֶענְטְשׁ, דָאס אִיז דֶער "קוֹל תּוֹרָה" אוּן דֶער "קוֹל תְּפִלָּה". וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זֶעט אַז דִי הֶענְט פוּן עֵשָׂו הָאבְּן אִים אַרַיינְגֶעכַאפְּט, עֶר זִינְקְט טִיף אִין דִי שְׁלֶעכְטְס פוּן עֵשָׂו, דַארְף עֶר

<<<<<<

אָנְהוֹיבְּן צוּ נוּצְן דִי קוֹלוֹת פוּן תּוֹרָה אוּן תְּפִלָּה, אוּן דַאן וֶועלְן זֵיי נִישְׁט הָאבְּן קַיין שׁוּם שְׁלִיטָה אוֹיף אִים.

### ווֹאוּ מֶען גֵייט נָאר

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ע"ח) אַז דֶער דִיבּוּר וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן "אֵם הַבָּנִים". אִין קַבָּלָה וֶוערְט דָאס רֶעדְן פוּנֶעם מֶענְטְשׁ אָנְגֶערוּפְן אַזוֹי וִוי אַ מַאמֶע. דָאס לֶערְנְט אוּנְז אַז אַזוֹי וִוי אַ מַאמֶע לָאזְט קֵיינְמָאל נִישְׁט אִיבֶּער אִיר קִינְד. וִויפִיל דָאס קִינְד זָאל זִיךְ נָאר פַארְשְׁמִירְן אוּן זִיךְ צוּקְלַאפְּן, וֶועט דִי מַאמֶע נָאכְאַלְץ אֵייבִּיג זַיין צוּ זַיין הַאנְט אוּן אַרוֹיסְהֶעלְפְן, אִים אָפְּוַואשְׁן, אוֹיפְהוֹיבְּן, אוּן שֵׁיין אָנְטוּן.

דִי זֶעלְבֶּע אִיז דָאס רֶעדְן. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט שְׁטֶענְדִיג צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן. וֶועט דָאס מִיטְגֵיין מִיט אִים סַיי וואוּ אִימֶער. אֲפִילוּ וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט זִיךְ פַּארְשְׁמִירְן מִיט דִי עֶרְגְסְטֶע זַאכְן, וֶועט דָאס רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיטְגֵיין מִיט אִים, אוּן אִים אַרוֹיסְשְׁלֶעפְּן פוּן סֵיי וֶועלְכְן פְּרָאבְּלֶעם.

מֶען דַארְף אָבֶּער הָאבְּן אַסַאךְ גֶעדוּלְד. מֶען קֶען נִישְׁט אוֹיף אֵיינְמָאל אַרוֹיף טַאנְצְן פוּן אוּנְטְן בִּיז צוּם הֶעכְסְטְן טְרֶעפְּל אוֹיפְ'ן לֵייטֶער. מֶען קֶען נִישְׁט אִין אֵיין מִינוּט אַרוֹיסְגֵיין פוּן אַלֶע שְׁוֶועריקַייטְן, פוּן אַלֶע צָרוֹת אוּן פְּרָאבְּלֶעמֶען. מֶען דַארְף גֵיין צוּשְׁטַייטְלֶעךְ טְרֶעפְּל נָאךְ טְרֶעפְּל. מֶען בֶּעט אוּן מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ, אוּן אַזוֹי וֶוערְט מֶען צוּבִּיסְלֶעךְ גֶעהָאלְפְן מֶער אוּן מֶער. אוֹיבּ וִויל מֶען אַרוֹיפְטַאנְצְן עֶטְלִיכֶע טְרֶעפּ אוֹיף אֵיינְמָאל, קֶען מֶען זֵייעֶר גְרִינְג אַרָאפְּפַאלְן אוּן זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק צוּקְלַאפְּן, אוּן דַאן קֶען מֶען פַארְלִירְן דִי מוּט אָנְצוּהוֹיבְּן נָאכְאַמָאל מִיט אַ פְרִישְׁקֵייט.

בַּיי תְּפִלָּה דַארְף מֶען הָאבְּן אַסַאךְ סַבְלָנוּת אוּן אֲרִיכַת אַפַּיִם. דֶער פָּסוּק זָאגְט (יְשַׁעְיָהוּ מח, ט) "וּתְהִלָּתִי אֶחֱטָם לָךְ", זָאגְט אוֹיף דֶעם דֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ב') אַז תְּפִלָּה וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן דִי נָאז, דִי נָאז וַוייזְט אוֹיף "אֲרִיכַת אַפַּיִם", מֶען דַארְף הָאבּ גֶעדוּלְד אוּן אוֹיסְוַוארְטְן אוֹיף דִי יְשׁוּעָה, אָבֶּער סוֹף כָּל סוֹף וֶועט דִי יְשׁוּעָה זִיכֶער אָנְקוּמֶען. ווָאוּיל אִיז דֶעם וָואס דֶערְהַאלְט זִיךְ שְׁטֶענְדִיג. עֶר הֶערְט נִישְׁט אוֹיף צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועט עֶר זִיכֶער זֶען צוּם סוֹף דִי גְרוֹיסֶע יְשׁוּעָה, עֶר וֶועט אָנְקוּמֶען צוּ וָואס עֶר דַארְף אָנְקוּמֶען אוֹיף דִי וֶועלְט, אוּן עֶס וֶועט אִים זַיין גוּט אוֹיךְ אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"ש לְפָּרְשַׁת וַיֵּצֵא)



במוצאי שבת" שמועסן צווישן מו"ה אהרן וועבערמאן הי"ו און מו"ה יענקי פיש הי"ו, ווי אויך שיינע מעשיות פון די צדיקים וואס זייער יארצייט געפאלט די וואך דורך מו"ה מנשה איצקאוויטש הי"ו, שמועסן איבער באזוכן אין טורמע, און יעדע וואך נייע חידושים און אינטערוויוס. די אפטיילונג "לעובדא ולמעשה" דורך מו"ה אהרן וועבערמאן הי"ו וואס גייט איבער וואס עס איז געווען די וואך אין די בתי מדרשים און מוסדות היכל הקודש איבער די גארער וועלט, יעדע וואך מיט פרישע געסט וואס איז גאר אינטערעסאנט. די ליל שישי פראגראם "א בליק מיט די ברסלב'ע ברידער", צוויי די צוויי ברידער מו"ה יואל און מו"ה אברהם הערש וועבערמאן שיחיו, וואס שמועסן איבער די נייעס פון די וואך, וועלטליכע נייעס, אידישע נייעס, היכל הקודש נייעס, און שטעטל נייעס, מיט פילע אינהאלטסרייכע אינטערוויוס יעדע וואך, פון וואס די צוהערערער זענען זיך מחי'. אויך קען מען הערן "פערזענליכע מעשיות", ווי מענטשן דערציילן זייערע אייגענע איבערלעבענישן ווי אזוי זיי זענען געהאלפן געווארן דורך תפלה, דורך בעטן דעם אייבערשטן אויף די אייגענע שפראך, ווי אויך פערזענליכע מעשיות פון הפצה, און נאך פילע גאר אינטערעסאנטע שמועסן און פארברענגען.

נומער 5 איז די "קינדער ווינקל", עס קומט גאר שיינע סורפרייזעס פאר די חשובע קינדער, וואס אנטשפרעכט צו האלטן די קינדער געשפאנט מיט גאר שיינע מעשיות און פראגראמען.

נומער 6 הערט מען "היכל נגינה", א רייכע זאמלונג פון ניגונים, שטייטע און שנעלע, קורצע און לאנגע, וואס וועקן דאס הארץ צום אייבערשטן און לעבן אויף דעם מענטש מיט אמונה און די עצות פון הייליגן רבי'ן.

עס איז כדאי אויסצוהערן אויף נומער 9 און דערנאך 2, די אלע באקוועמליכקייטן מיט וואס מען קען זיך באנוצן בשעת'ן הערן דעם ליין, אזוי ווי זאכן האבן זיך געטוישט פונעם אלטן סיסטעם.

מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף האפן מיר אז גאנץ בקרוב וועט דער נייער סיסטעם זיין פולשטענדיג אויפגעשטעלט, אלע קנעפלעך וועלן ארבעטן ווי עס דארף צו זיין, און אלע לאקאלע נומערן וועלן שוין זיין אריבערגעפירט. מיר בעטן די הילף פון אנשי שלומינו און די חשובע צוהערער אז יעדער זאל צולייגן עטליכע תפלות, בעטן דעם אייבערשטן אז מיר זאלן מצליח זיין, וואס דאס וועט זיין בלויז אייער הצלחה צו קענען הנאה האבן פון דעם געשמאקן אויפגעפרישטן טעלעפאן ליניע.

**שמעו ותחי נפשכם!**

## שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב



# וָואס טוּט מֶען וֶוען מֶען הָאט נִישְׁט קַיין בְּרוֹיט צוּם טִישׁ?

*שְׁאֵלָה:*

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

נֶעכְטְן הָאבּ אִיךְ מִיטְגֶעמַאכְט גֶעפֶערְלִיכֶע שְׁרֶעקְלִיכֶע בּוּשׁוֹת, אִיךְ הָאבּ נָאךְ אִין מַיין לֶעבְּן נִישְׁט גֶעהַאט אַזֶעלְכֶע בִּזְיוֹנוֹת, מַיין וַוייבּ הָאט מִיר גֶעבֶּעטְן צוּ קוֹיפְן בְּרוֹיט, אוּן אִיךְ הָאבּ פָּשׁוּט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין גֶעלְט צוּ קוֹיפְן אַ פֶּעקְל בְּרוֹיט. בָּרוּךְ ה' אַז עֶס אִיז גֶעוֶוען אַנְדֶערֶע עֶסְן אִינְדֶערְהֵיים, גֶעבְּלִיבְּן פוּן וָואס מְ'הָאט אַיינְגֶעקוֹיפְט פָארִיגֶע וָואךְ, אָבֶּער אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעהַאט קַיין גֶעלְט צוּ קוֹיפְן אַ פֶּעקְל בְּרוֹיט.

אַ חוֹדֶשׁ צוּרִיק הָאבּ אִיךְ שׁוֹין נִישְׁט גֶעקֶענְט אוֹיסְהַאלְטְן דִי בּוּשׁוֹת, הָאבּ אִיךְ גֶעגֶעבְּן פַאר מַיין וַוייבּ אַ קְרֶעדִיט קַארְד אוּן אִיר גֶעזָאגְט אַז זִי קֶען עֶס נוּצְן וִויפִיל זִי ווִיל, אִיךְ הָאבּ גֶעטְרַאכְט אַז דִי בַּאנְק וֶועט מִיר שׁוֹין נָאכְגֶעבְּן, אָבֶּער פַאקְטִישׁ אִיז נִישְׁט אַזוֹי גֶעוֶוען, דִי בַּאנְק הָאט פַארְמַאכְט דֶעם קַארְטְל, אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּעטְן דִי קְרֶעדִיט קַארְד קָאמְפַּאנִי זֵיי זָאלְן צוּוַוארְטְן אַפָּאר טֶעג, אָבֶּער דֶער טָאג דֶערְנֶענְטֶערְט זִיךְ שׁוֹין, אוּן אִיךְ הָאבּ נִישְׁט פוּן וואוּ עֶס צוּ בַּאצָאלְן. אִיךְ הָאף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר וֶועט מִיר הֶעלְפְן, וַוייל בְּדֶרֶךְ הַטֶּבַע זֶע אִיךְ נִישְׁט קַיין וֶועג אַרוֹיס פוּן דֶעם פְּלָאנְטֶער.

אִיךְ וֶועל זִיךְ פְרֵייעֶן צוּ בַּאקוּמֶען עֶפֶּעס חִיזוּק אוּן עֵצוֹת אוֹיף דֶעם.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

*תְּשׁוּבָה:*

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ב' פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, כ' מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ קֶען דִיר זָאגְן וָואס מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אוּנְז גֶעזָאגְט, מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אוּנְז גֶעזָאגְט, אַז מִיר וֶועלְן עוֹסֵק זַיין אִין פַארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, קוּנְטְרֵסִים אוּן גִלְיוֹנוֹת - וֶועלְן מִיר הָאבְּן שְׁטֶענְדִיג גֶעלְט אִין טַאשׁ, עֶס וֶועט נִישְׁט פַּאסִירְן אַזַא זַאךְ אַז דִי וַוייבּ זָאגְט: "גֵיי קוֹיף בְּרוֹיט" - אוּן מֶען הָאט נִישְׁט דִי פָּאר דָאלֶער/שְׁקָלִים צוּ קוֹיפְן בְּרוֹיט.

גֵיין הֲפָצָה אִיז נִישְׁט קַיין פַארְשֶׁעמְטֶע זַאךְ; אַ פַארְשֶׁעמְטֶע זַאךְ אִיז אַז מֶען נוּצְט קְרֶעדִיט קַארְדְס אוּן מֶען בַּאצָאלְט נִישְׁט, בִּיז מֶען פַארְלִירְט דִי בַּאגְלֵייבְּטְקֵייט בַּיי אַלֶעמֶען, אָבֶּער גֵיין מְזַכֶּה זַיין אִידִישֶׁע קִינְדֶער מִיט אֱמוּנָה אוּן בִּטָחוֹן - אִיז דִי שֶׁענְסְטֶע זַאךְ.

אִיךְ וֵייס נִישְׁט וָואס דוּ טוּסְט דוּרְכְ'ן טָאג, צִי דוּ אַרְבֶּעסְט צִי דוּ לֶערְנְסְט אִין כּוֹלֵל, עֶס אִיז נִישְׁט מְשַׁנֶה; סַיי וָואס מֶען טוּט קֶען מֶען נָאכְדֶעם גֵיין אֵיידֶעלֶערְהֵייט בַּיי דִי שְׁטִיבֶּער אוֹיסְטֵיילְן לֶעבְּן פַאר מֶענְטְשְׁן אוּן בֶּעטְן צְדָקָה, דֶעמָאלְט הָאט מֶען אַלְץ גֶעלְט אִין טַאשׁ.

נוּץ נִישְׁט קַיין קְרֶעדִיט קַארְד אוֹיבּ דוּ וֵוייסְט נִישְׁט וִוי אַזוֹי דוּ גֵייסְט עֶס בַּאצָאלְן. עֶס אִיז עֶרְגֶער צוּ נוּצְן קְרֶעדִיט קַארְדְס אוּן נִישְׁט בַּאצָאלְן - וִוי נִישְׁט הָאבְּן בְּרוֹיט צוּ נֶעמֶען אִין מוֹיל; עֶנְדֶערְשׁ גֵיי צַאמְנֶעמֶען גֶעלְט בַּיי אִידִישֶׁע קִינְדֶער. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שְׁקָלִים א, א) אִידִישֶׁע קִינְדֶער זֶענֶען נִתְבָּעִים וְנוֹתְנִים, וֶוען מֶען בֶּעט זֵיי - גֶעבְּן זֵיי; אִידִישֶׁע קִינְדֶער זֶענֶען אַ הֵיילִיג פָאלְק, זֵיי גֶעבְּן צְדָקָה; מֶען דַארְף נָאר אַרוּם גֵיין צַאמְנֶעמֶען.

דַארְפְסְט נִישְׁט דֶערְצֵיילְן דַיין וַוייבּ אַז דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין אֵיין פְּרוּטָה אִין טַאשׁ, זִי וֶועט זִיךְ דֶערְשְׁרֶעקְן, זִי וֶועט אַרַיינְפַאלְן אִין אַ בִּיטֶערְנִישׁ, זָאג אִיר "אִיךְ בְּרֶענְג שׁוֹין", "אִיךְ גֵיי שׁוֹין אַיינְקוֹיפְן", אוּן בִּיז דֶערְוַוייל גֵיי אַבִּיסְל בַּיי דִי הַייזֶער אָדֶער אִין שׁוּל, אוּן וֶוען דוּ גֵייסְט צַאמְנֶעמֶען - זָאלְסְטוּ זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִיר אוּן דִיר גֶעבְּן שֶׁפַע.

פַארְלִיר זִיךְ נִישְׁט, אוּן הָאבּ נִישְׁט קַיין קַשְׁיוֹת אוֹיף דִי אֱמוּנָה. בְּלַייבּ שְׁטַארְק מִיט אֱמוּנָה אוּן בִּטָחוֹן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט דִיר הֶעלְפְן, דוּ וֶועסְט נָאךְ הָאבְּן גְרוֹיס שֶׁפַע.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

(עֵצָתוֹ אֱמוּנָה חַיֵּי שָׂרָה תשפ"ג)

BreslevCenter.com\answers

## לֶעבְּנְסְגֶעשִׁיכְטֶע פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (קנח)

**אִין קוּרְצְן פוּן פְרִיעֶר: נָאךְ שָׁבוּעוֹת אִיז רֶבִּי נָתָן ווִידֶער גֶעפָארְן צוּם רֶבִּי'ן קַיין בְּרֶסְלֶב, מִיט אַ תֵּירוּץ אַז עֶר גֵייט בִּינְדְען דִי קוּנְטְרֵסִים פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אוּן עֶר אִיז גֶעזֶעסְן דָארְט בַּיים סְפָרִים אַיינְבִּינְדְער.**

דֶער רֶבִּי אִיז דָאךְ אָבֶער גֶעוֶוען פוּל מִיט גְרוֹיס רַחֲמָנוּת אוּן גוּטְסְקֵייט פַאר יֶעדְן אִיד, אוּן כָאטְשׁ וָואס מִיט דִי לִינְקֶע הַאנְט הָאט עֶר אַבִּיסְל אַוֶועקְגֶעשְׁטוּפְּט הָאט עֶר פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט גָאר שְׁטַארְק מְקָרֵב גֶעוֶוען מִיט דִי רֶעכְטֶע הַאנְט, אוּן אֲפִילוּ דָאס בִּיסְל וָואס עֶר הָאט אַוֶועקְגֶעשְׁטוּפְּט אִיז אוֹיךְ נָאר גֶעוֶוען מִיטְ'ן צִיל מְקָרֵב צוּ זַיין דֶער וָואס ווִיל אוּן בֶּענְקְט אֶמֶת'דִיג [אוּן דֶער רֶבִּי פִירְט זִיךְ נָאכְצַאלְץ אַזוֹי], הָאט עֶר גֶעשִׁיקְט אֵיינֶעם פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ צוּם סְפָרִים אַיינְבִּינְדֶער, אוּן יֶענֶער הָאט גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן אַז דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעשִׁיקְט אַז עֶר זָאל זִיצְן דָארְט אַנְשְׁטָאט אִים.

רֶבִּי נָתָן אִיז גְלַייךְ גֶעלָאפְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ דֶעמָאלְט אִין זַיין קְלֵיין שְׁטִיבְל וָואס אִיז גֶעוֶוען קֶעגְן אִיבֶּער דֶעם בֵּית הַמֶּדְרָשׁ פוּן דִי זַייט, רֶבִּי נָתָן אִיז אַרַיין צוּם רֶבִּי'ן אוּן גֶעטְרָאפְן דֶעם רֶבִּי'ן לִיגְן אִין בֶּעט, דֶער רֶבִּי הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן רֶעדְן מִיט רֶבִּי נָתָן, עֶר הָאט אִים זַייעֶר מְקָרֵב גֶעוֶוען אוּן פְרֵיילִיךְ גֶעמַאכְט, עֶר הָאט אִים גָאר שְׁטַארְק מְחַזֵק גֶעוֶוען. דֶער רֶבִּי אִיז בִּכְלַל נִישְׁט גֶעשְׁלָאפְן, עֶר הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן פוּן בֶּעט אוּן אִיז אַרַיין צוּם גְרוֹיסְן הוֹיז.

אִין יֶענֶע הָאט דֶער רֶבִּי אָנְגֶעהוֹיבְּן מְגַלֶּה זַיין דֶעם גֶעוַואלְדִיגְן ווָאוּנְדֶערְלִיכְן סוֹד פוּן דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים וָואס מֶען זָאל זָאגְן אִינֶעם טָאג וָואס מֶען אִיז דוּרְכְגֶעפַאלְן אִין מִקְרֶה לַיְלָה רַחֲמָנָא לִיצְלָן, אוּן דָאס וֶועט אַלֶעס פַארְרֶעכְטְן (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קמ"א).

אֵיידֶער רֶבִּי נָתָן אִיז דֶעמָאלְט גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן, הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט תּוֹרָה אִיבֶּער דֶעם עִנְיָן פוּן "תִּיקּוּן הַכְּלָלִי", דִי תּוֹרָה וָואס הוֹיבְּט זִיךְ אָן "תִּיקּוּן לְמִקְרֶה לַיְלָה, לוֹמַר עֲשָׂרָה קַאפִּיטְל תְּהִלִּים" (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן ר"ה), אוּן וֶוען רֶבִּי נָתָן אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן הָאט דֶעם רֶבִּינְ'ס אֵיידֶעם ר' יוֹסְקָא דֶערְצֵיילְט אַבִּיסְל אִיבֶּער דִי תּוֹרָה וָואס דֶער רֶבִּי הָאט מְגַלֶּה גֶעוֶוען, לוֹיט ווִיפִיל עֶר הָאט פַארְשְׁטַאנֶען, אוּן שְׁפֶּעטֶער הָאט דֶער רֶבִּי אַלֵיין גֶערֶעדְט מִיט רֶבִּי נָתָן, עֶר הָאט אִים אִיבֶּערְגֶעזָאגְט אוּן עֶרְקְלֶערְט דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה, אוּן רֶבִּי נָתָן הָאט עֶס גְלַייךְ אָפְּגֶעשְׁרִיבְּן אַזוֹי ווִי עֶס אִיז יֶעצְט גֶעדְרוּקְט אִין לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן (שָׁם).

דֶער רֶבִּי הָאט דֶעמָאלְט אָבֶער נָאכְנִישְׁט אוֹיסְגֶעזָאגְט וֶועלְכֶע קַאפִּיטְלֶעךְ מֶען דַארְף זָאגְן, עֶר הָאט נָאר גֶעזָאגְט אַז מֶען דַארְף זָאגְן צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים, אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט אַז מֶען דַארְף מְבַרֵר זַיין וֶועלְכֶע צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ זֶענֶען קֶעגְן דִי צֶען סָארְט נְגִינָה, אָבֶער סַיי וֶועלְכֶע צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים מֶען וֶועט נָאר זָאגְן, וֶועט עֶס אַרַיינְנֶעמֶען אַ בְּחִינָה פוּן דִי צֶען סָארְט נְגִינָה.

תקס

וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט גֶערֶעדְט פוּן דֶעם אַז צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים אִיז אַ תִּיקּוּן, מֶען דַארְף נָאר נָאךְ מְבַרֵר זַיין פּוּנְקְטְלִיךְ וֶועלְכֶע צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ, הָאט דֶער רֶבִּי דֶעמָאלְט גֶעזָאגְט אַז דִי עֶרְשְׁטֶע תִּיקּוּן אִיז אָבֶער צוּ קֶענֶען אִין מִקְוֶה, עֶר הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרוּקְט, "דָאס עֶרְשְׁטֶע אִיז מִקְוֶה".

פָארְזֶעצוּנְג קוּמְט אי"ה – גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק"

## נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

# "קול ברסלב" ווערט איבערגעפרישט

ווי די צענדליגע טויזנטער צוהערער איבער די וועלט האבן שוין זיכער געהערט און באמערקט, ווערט יעצט איבערגעפרישט די "קול ברסלב" טעלעפאן ליין, און גלייכצייטיג אויך די ליין פאר פרויען "קוואל פון חיזוק".

אזוי ווי דער אייבערשטער האט געפירט אז מיר האבן געמוזט אריבערפירן די טעלעפאן ליניע צו א נייע פירמע, האט מען שוין אינאיינוועגס אויך אביסל ארומגעטוישט די ליין, עס שענער און בעסער אויסגעשטעלט, צו די הנאה פון די פילע צוהערער.

פארשטייט זיך אז עס גייט נישט אין איין מינוט, עס גייט אריין אין דעם א געוואלד מיט צייט, כח, און ארבעט, און דעריבער נעמט צייט ביז זאכן זענען זיך מסדר אין פלאץ ווי עס דארף צו זיין. דער עיקר שוועריקייט ביי די חשובע צוהערער איז געווען דאס וואס די נומערן פירן נאך צום אלטן סיסטעם און נישט יעדער האט געקענט מיטהאלטן אלע נייע שיעורים און שמועסן וואס זענען ארויף אויפ'ן ליין ביים נייעם סיסטעם. דאס אריבערפירן די נומערן האט זיך פארצויגן לענגער ווי געראכטן, און די פארוואלטונג פון קול ברסלב טוט זיך אנטשולדיגן אויף די עגמת נפש וואס דאס האט אנגעברענגט פאר אזויפיל אידישע קינדער וואס ווארטן מיט דארשט צו הערן נאך און נאך עצות און שכל אין לעבן, די חיזוק און לימודים פון הייליגן רבי'ן וואס זענען מחי' נפשות און בלאזן אריין לופט צום אטעמען און אקסיגן צום לעבן.

שרייבנדיג די שורות זענען בלויז די קאנאדישע נומערן שוין אריבערגעפירט געווארן צום נייעם סיסטעם, און מיר בעטן און האפן צום אייבערשטן אז ווען איר וועט ליינען דעם באריכט וועלן שוין אלע לאקאלע נומערן פון אלע געגנטער זיין אריבערגעפירט. דערווייל האבן מיר צוגעשטעלט צייטווייליגע לאקאלע נומערן פאר אמעריקע און ארץ ישראל, וואס וועט ווארשיינליך אויפהערן ארבעטן נאכדעם וואס די ארגינעלע אלטע נומערן וועלן שוין פירן צום נייעם סיסטעם. פאר "קול ברסלב" רופט אין אמעריקע **845-299-2224** און אין ארץ ישראל **0723701948**. פאר "קוואל פון חיזוק" רופט אין אמעריקע **718-705-5382** און אין ארץ ישראל **0723701916**.

די נייע סיסטעם פון "קול ברסלב" איז אנדערש אויסגעשטעלט און קומט מיט אנדערע אויסוואלן און באקוועמליכקייטן. פאלגנד וועלן מיר איבערגיין אין קורצן טייל פון די נייע אויסשטעל.

ווען מען דרוקט 1 פאר אידיש, און דערנאך 0, הערט מען אלע נייע זאכן וואס זענען ארויף אויפ'ן ליין, און טייל זאכן קען מען הערן אויך דארט אויף 0 אליין, און דארט קען מען אלץ גיין צו א קומענדיגע קעסטל דורכ'ן דרוקן # און מען קען גיין אויף צוריק דורכ'ן דרוקן 0.

אויף נומער 1 הערט מען חיזוק יומי, יעדן טאג עטליכע קורצע מינוט מיט שכל און חיזוק פאר'ן טאג. אויך איז דארט דא אן אפטיילונג אנצוקומען שנעל צו די נייעסטע שיעורי התחזקות, און נאך א חידוש איז דארט געווארן צוגעלייגט, "היינטיגע שיעורי תורה", וואו מען קען הערן יעדן טאג די היינטיגע שיעורים, סיי צו לערנען און סיי מיטצוזאגן, א בלאט בבלי און א בלאט ירושלמי מיט א פרק תוספתא, ווי אויך צוויי פרקים נ"ך פארגעלערנט דורכ'ן ראש ישיבה שליט"א וואס איז ממש מחי' נפשות. אונטער נומער 1 געפונט זיך אויך דער אפטיילונג "עניני דיומא", א זאמלונג פון אלעס וואס געפונט זיך אויפ'ן ליין, אויסגעשטעלט לויט'ן סדר פון מועדי וזמני השנה.

נומער 2 איז געווארן די אפטיילונג פון שיעורי התחזקות, דארט קען מען הערן אלע שיעורי התחזקות, די טעגליכע שיעורים, די וועכנטליכע שיעורים פונעם ראש ישיבה שליט"א, וואס ווי באקאנט האבן זיי דעם כח צו נעמען סיי וועלכן איד, אין סיי וועלכע מצב ער געפונט זיך נאר, און אים ברענגען נענטער צום אייבערשטן לויט זיין דרגא. אויך קען מען דארט הערן שיינע חיזוק שטיקלעך ארויסגעשניטן פון די גמרא שיעורים, מיט נאך פילע שיעורי התחזקות אין אנדערע געלעגנהייטן.

נומער 3 איז שיעורי תורה, גאר א רייכע אויסוואל פון שיעורים אין פילע חלקים פון די הייליגע תורה, אלעס פארגעלערנט בטוב טעם ודעת מיט געשמאק, נישט צו לאנג און נישט צו טיף, אויף גאר א באַ'טעמ'טע פארנעם, אז יעדער זאל קענען שפירן די זיסקייט פון די הייליגע תורה. פילע אידן האבן זיך אויסגעדרוקט אז זיי האבן אלץ געמיינט אז זיי וועלן שוין קיינמאל נישט פארשטיין א שטיקל גמרא, ביז ווען זיי זענען אנגעקומען צו די זיסע געשמאקע שיעורים ווי דער ראש ישיבה שליט"א לערנט פאר א בלאט גמרא אזוי שיין און לייכט. אויך געפונט זיך דארט דער אפטיילונג "שיעורים כסדרן מיטצוזאגן", גאר א גרויסע אויסוואל פון שיעורי תורה צו קענען מיטזאגן זייענדיג אונטערוועגס, גמרא בבלי, ירושלמי, תוספתא, משניות, חומש, שלחן ערוך, און נאך, פון וואס פילע אידן זענען גאר שטארק נהנה, אויך קען מען מיטזאגן גאנץ תהלים, תיקון הכללי, תפלת הדרך און נאך.

נומער 4 איז שמועסן און פארברענגען, דארט קען מען מיטהאלטן גאר שיינע רייכע אינטערוויוס און שמועסן דורך מו"ה יואל טייטלבוים שליט"א. די נייע מוצאי שב"ק פראגראם מיט'ן נאמען "חמין

<<<<<<


## סימן טוב ומזל טוב

החתן **בנימין** בן מו"ה **דוד ווײלדי** הי"ו
וואס איז א חתן געווארן למזל טוב עב"ג
***
מו"ה **יודל דעפריס** הי"ו
צו די שמחת בר מצוה פון זיין זון
**אברהם מנחם הי"ו למזל טוב**

## א שמועס מיט'ן ראש ישיבה

**גאר א שיינע רייכע שמועס, פון איבער צוויי שעה, מיט'ן ראש ישיבה שליט"א, אין וואס מען שמועסט אויס פילע ענינים העומדים על הפרק**

**קול ברסלב**

**212-444-9191**

**1, 2, 1, 9, 1, 36**

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי"ס, USB'ס, SD'ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**347-509-4908**

**און מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים**



**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**
845-351-0910 / 212-444-9191
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינא 1152354370
צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעסעפיס; און נאך**
845-351-9060 /212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
בעלגיע 3235003462 / ארגענטינא 1152354380
חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com**/ טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**